יתרו תשפ"ג
גליון 129

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קינְדֶער,**

די שַׁבָּת איז פַּרְשַׁת מַתַּן תּוֹרָה. דֶער טְרָאוויצֶער מַגִּיד פְלֶעגְט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן צְוֵויי שַׁבָּתִים אַ יָאר. אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ און נָאכְאַמָאל אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וִויל בַּאקוּמֶען תּוֹרָה בַּיים רֶבִּי'ן", וַוייל די צְוֵויי פָּרָשִׁיּוֹת לֵיינְט מֶען אִין דֶער תּוֹרָה פוּן מַתַּן-תּוֹרָה.

לָאמִיר זֶען אַ פָּסוּק אִין הַיינְטִיגְן פַּרְשָׁה וֶועגְן מַתַּן-תּוֹרָה. דֶער פָּסוּק זָאגְט: "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק" דֶער פָאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶערְהֶערְט אַז דָארְטְן וואוּ סְ'אִיז פַארְנֶעפְּלְט און פַארְטוּנְקְלְט און פַארְוָואלְקְנְט, דָארְטְן אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה קט"ו רֶעדְט אַרוּם דֶערְוֶועגְן אַז, אַ' מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן אֲפִילוּ סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער, עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּם בַּיישְׁפִּיל צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי צוּם דַאוְונֶען, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ מְוַותֵּר זַיין פַאר אַ חָבֵר אָדֶער אַ בְּרוּדֶער. פַאר אֵיינֶעם אִיז שְׁוֶוער זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט זַיינֶע מִדּוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין מַצָּב און צוּשְׁטַאנְד. זָאל עֶר וויסְן וואוּ סְ'אִיז מִיר שְׁוֶוער, דָארְטְן אִיז מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם'.




בַּיי יִתְרוֹ זֶעט מֶען טַאקֶע, אַז יִתְרוֹ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גַלָּח, עֶר הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אַלֶע סָארְטְן תַּאֲווֹת הָאט עֶר גֶעמַאכְט, עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַארְגְרֶעבְּטֶער גוֹי. עַד-כְּדֵי-כָּךְ אַז פַּרְעֹה הָאט אִים גֶענוּמֶען פַאר אַן אַ עֵצָה-גֶעבֶּער, אַזוֹי שְׁטֵייט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוֹעֵץ בַּיי פַּרְעֹה אִין פַּאלַאץ.

וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם און עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפַּאלְטְן דֶער יָם, סְ'אִיז גֶעוֶוען מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַאן אִיז יִתְרוֹ גֶעוָוארְן אַ אִיד און הָאט גֶעזָאגְט עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים. יֶעצְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער און אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע אָפְּגֶעטֶער.

זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָּ' אַז וֶוען אַ גוֹי קוּמְט און עֶר אִיז מוֹדֶה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז דֶער גָאט, דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן, סַיי אוֹיבְן אִין הִימְל און סַיי דָא אוּנְטְן.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה י', אַז נִישְׁט נָאר וֶוען אַ גוֹי קוּמְט, נָאר אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס בִּיז הַיינְט אִיז עֶר גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְצְן לֶעבְּן בְּגַשְׁמִיּוּת אִין קַטְנוּת, און יֶעצְט אִיז עֶר מַכִּיר אַז נֵיין, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער תַּכְלִית, דֶער תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ דִינֶען גָאט און זַיין דָּבוּק אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. טוּן מִצְוֹת און

המשך אויף זייט 4

# ר' ישראל קארדונער



צווִישְׁן די אִידִישֶׁע שְׁטֶעטְלֶעך און דֶערְפְלֶעך אִין קַארְדָאן גֶעגְנְט, פַאר בְּעֵרֶך הוּנְדֶערְט און צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק, הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אַ עֶרְלִיכֶע בֶּענְקֶעדִיגֶע נְשָׁמָה מִיטְן נָאמֶען ר' יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין. שׁוֹין פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר בֶּענְקֶען צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶפֶּעס אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פֶעלְט אִים וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ אָנְרוּפְן, עֶר הָאט גֶעפְּרוּאוְט עֶס צוּ אָנְפִילְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אָבֶער וִויפִיל עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה הָאט עֶר נָאךְ ווִידֶער גֶעפִילְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט נָאךְ, סְאִיז נִישְׁט דָאס וָואס עֶר וִויל! עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט אַ אִינֶעווֵיינִיגְסְטֶע פַארְוֵוייטָאגְטֶע פְרַאגֶע בַּאגְלֵייט מִיט אַ טִיפְן קְרֶעכְצְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁטִילְן מַיין גְרוֹיסְן חִסָרוֹן און אַבִּיסְל אָנְפִילְן מַיין בֶּענְקֶעדִיגֶע הַארְץ?!

די צַייט אִיז אַרִיבֶּער ר' יִשְׂרָאֵל קוּקְט צוּם הִימְל און וַוארְט אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ צוּ אַרוּמְפָארְן צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זַיין דוֹר אֶפְשָׁר פוּן זֵיי וֶועט קוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי הָאט מֶען אִים גֶעבֶּעטְן שְׁרַייבְּן פְרִיעֶר אַ קְוִויטְל, (דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִיק שְׁרַייבְּט מֶען אַ קְוִויטְל מִיטְן נָאמֶען און מַאמֶעס נָאמֶען און מֶען שְׁרַייבְּט אַפָּאר וֶוערְטֶער וֶועלְכֶע יְשׁוּעָה מֶען דַארְף, נָאר שְׁפֶּעטֶער גֵייט מֶען אַרַיין צוּם צַדִיק), הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם קְוִויטְל אַז עֶר ווִיל "יִרְאַת שָׁמַיִם" דָאס בְּלוֹיז אִיז זַיין גַאנְצֶער חִסָרוֹן!

אַלֶע צַדִיקִים וָואס עֶר אִיז צוּ זֵיי אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאבְּן זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף אַזַא קְוִויטְל, ווַייל אַלֶע חֲסִידִים וֶועלְכֶע פְלֶעגְן כְּסֵדֶר אַרַיינְקוּמֶען צוּ זֵיי פְלֶעגְן בֶּעטְן אוֹיף גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶע חֶסְרוֹנוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אִין בְּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי, און אוֹיף די זַאכְן בֶּעטְן זֵיי עֵצוֹת און יְשׁוּעוֹת, און דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס ווִיל גָארְנִישְׁט מֶער ווִי יִרְאַת שָׁמַיִם! עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט אַ לוֹיטֶערֶע הַארְץ! אַזוֹי וַוייט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ פוּן די וֶועלְט אַז אַ חֵלֶק פוּן די צַדִיקִים הָאבְּן אִים דֶערְוַוייטֶערְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט זַיינֶע וֶוערְטֶער.

סְ'אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן

גֶעגלוֹיבְּט און אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן פוּן טִיפְן הַארְץ עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם בֶּאֱמֶת, אָבֶּער נָאךְ אַלֶעם אִיז ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעבְּלִיבְּן עֶלְנְד מִיט זַיין וֵוייטָאג, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁטִילְט זַיין חִסָּרוֹן נָאר זַיין הַארְץ הָאט נָאר מֶער און מֶער גֶעבֶּענְקְט מִיט מוֹרְאדִיגֶע כִּסוּפִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, גֶעוואַלְד! הָאט זַיין הַארְץ גֶעשְׁרִיגְן, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ פִיל נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין עֲבוֹדָה ס׳פֶעלְט מִיר יִרְאַת שָׁמַיִם.




ר׳ יִשְׂרָאֵל אִיז אוֹיפְגֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן בַּיי זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ׳ע און רַייכֶע מִשְׁפָּחָה, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר בַּאוואוּסְט אִיבֶּער דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטָאט וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי בִּיזְנֶעס פוּן דִי מִשְׁפָּחָה און דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט, אַזוֹי ווִי דֶער טַאטֶע אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן און הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט פִירְן דִי בִּיזְנֶעס הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע פִירוּנְג פוּן דִי גֶעשֶׁעפְטְן פַאר זַיין זוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּנְקְט פַּאסִיג פַאר אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט גֶעוואַלְדִיגֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, און אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר גְלַייךְ און אֶרְנְטְלִיךְ, אַזוֹי פְלֶעגְט ר׳ יִשְׂרָאֵל פִירְן לַאנְגֶע טֶעג זַיין טַאטֶעס גֶעשֶׁעפְטְן מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

גֶעלְט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעפֶעלְט, אוֹיךְ כָּבוֹד און אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ ווִינְטְשְׁן, אָבֶּער עֶר זֶעלְבְּסְט הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ, וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית? פוּן מָאל צוּ מָאל פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם פֶערְד און וָואגְן פוּן גֶעשֶׁעפְט מִיט אַ מְשָׁרֵת, צוּ דִי מַאגַאזִינֶען פוּן דִי סְחוֹרוֹת וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַּאקְט סְחוֹרָה אוֹיפְן וָואגְן, נָאכְדֶעם הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל פַארְשִׁיקְט דֶעם מְשָׁרֵת צוּרִיק צוּם גֶעשֶׁעפְט און עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי גְרוֹיסֶע מַאגַאזִינֶען אַלֵיין צְווִישְׁן אַלֶע קַאסְטֶענֶעס און גְרוֹיסֶע פּוּשְׁקֶעס פוּן סְחוֹרוֹת, דָארְט הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעטְרָאפְן אַ שְׁטִילֶער ווִינְקְל אִינְדְרוֹיסְן פוּן יִשּׁוּב וואוּ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אִים נִישְׁט הֶערְן, דָארְט הָאט עֶר גֶעוֵויינְט און גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בְּקוֹל גָּדוֹל לַאנְגֶע שָׁעוֹת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לָמָּה לִי חַיִּים כָּאֵלֶּה? צוּ וָואס דַארְף אִיךְ אַזַא לֶעבְּן?! בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, גֶעבּ מִיר יִרְאַת שָׁמַיִם... (המשך וועט קומען בעז״ה)

המשך פון זייט 1

לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה אוּן הָאבְּן אֱמוּנָה, אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית.

זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָ', אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה י', אַז דֶער עִיקָר נַחַת רוּחַ פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַוְוקָא פוּן אַזָא אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר גָאר וַוייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אַדְּרַבָּה, אַזָא אַ מֶענְטְש וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פַארְוָואוֹרְפְן, אוּן עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען זֵייעֶר גְרוֹיס.




יֶעצְט וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין אִין דִי טֶעג פוּן פַאר פּוּרִים אִיז טַאקֶע דִי צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, מֶען דַארף בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, "הֶעלְף מִיר, עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין הֵיילִיגֶע אוּן גְרוֹיסֶע טֶעג, תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה,"

מֶען קֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן בִּפְרָט דִי פַּרְשָׁה פוּן מַתַּן-תּוֹרָה, וָואס אַלֶע מְפָרְשִׁים זָאגְן, ר' נָתָן רֶעדְט אוֹיךְ דֶערְוֶועגְן אַז פַארְוָואס זָאגְן מִיר בַּיים דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג בַּיי בְּרָכוֹת, 'בָּרוּךְ אַתָּה ה' נוֹתֵן הַתּוֹרָה', מֶען דַארף זָאגְן לְשֶׁעָבַר, 'נָתַן הַתּוֹרָה', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

זָאגְט ר' נָתָן, אַז נֵיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי תּוֹרָה יֶעדְן טָאג מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, יֶעדְן טָאג אִיז דָא נַייעֶ אוֹפַנִּים וִוי צוּ דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט נַייעֶ וֶועגְן, וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַ נַייעֶ תּוֹרָה.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאנַייעֶן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט 'מַתַּן-תּוֹרָה', דֶער עִיקָר כְּלִי פוּן מַתַּן-תּוֹרָה אִיז שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן יֶעדְן טָאג מִיט 'אַשְׁרֵינוּ', 'אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים', מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער. גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא אַז מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה, אוּנְז הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, 'הַבּוֹחֵר בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בּוֹחֵר גֶעוֶוען אִין אוּנְז אוּן מִיר זֶענֶען צוּרִיק בּוֹחֵר אִין אִים.

בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר זִיךְ אַלֶע אוֹיפְוֶועקְן פוּן נֵיי, בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ הֶארָה, אַ נַייעֶ הִתְחַדְּשׁוּת, אַ נַייעֶם גֶעפִיל אִין תּוֹרָה, אוּן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל שׁוֹין נִתְגַּלָּה וֶוערְן דֶער 'אוֹר-הַגָּנוּז' וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי תּוֹרָה, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻּלָּנוּ בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ, אָמֵן וְאָמֵן.

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' פנחס דוד וועבערמאן הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

# איין מעשה'לע



## דער באשעפער באווייזט וואונדער

אִיךְ ווִיל פַאְרצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה אִין בִּין גֶעוֶועזְן אִין חֵדֶר און אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין אַ זֶעקְל גָאר אַ פִּיצִי זַאךְ וָואס סְ'קֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל פַאְרלִירְן און אִיךְ הָאבּ דָאס בְּטָעוּת אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן פוּן פֶענְסְטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט בַּיי מִיר אַז דָאס אִיז דָאס! אָבֶער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זאל זִיךְ נִישְׁט פַאְרלִירְן און גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס לִיגְט אִין בַּאשֶׁעפֶּעְר'ס הֶענְט, אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אוּנְטְן און אִיךְ הָאבּ עֶס גְלַייךְ גֶעטְרָאפְן.

נ.ב. עֶס מַאכְט מִיר גָאר גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט

**יִישַׁר כֹּחַ, מֶנְדִי**

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ מִיר פַאְרלוֹירְן מַיין מַאנְטְל און אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אִין אַלֶע עֶרְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעקֶענְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס דָארְט פַאְרגֶעסְן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל עֶס טְרֶעפְן גַאנְץ און נִישְׁט צוּרִיסְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזְן סְ'זָאל נִישְׁט זַיין נַאס און אִיךְ זָאל עֶס טְרֶעפְן טְרוּקְן.

צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער מַאנְטְל אִיז גֶעהָאנְגֶען אִין שׁוּל און דֶער גַּבָּאִי הָאט דָאס נִישְׁט אַרוֹיס אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן.

דֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען זוּכְן און אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטְרָאפְן אִינְגַאנְצְן נַאס הָאבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ.

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז קֵיין אִינְגְל זָאל דָאס נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען און ב"ה אִיךְ קוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת און אִיךְ זֶע אַז עֶס לִיגְט שֵׁיין אוֹיפְן הֶענְגֶער, מִיט פְרֵייד הָאבּ אִיךְ דָאס אַהֵיימְגֶענוּמֶען.

יִישַׁר פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט סְ'אִיז מִיר גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵק.

**יַעֲקֹב דָוִד**

דָא רֶעדְט יִצְחָק: "אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה דָא אִין רֶבִּינְ'ס לִיכְט און אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל דָאס דְרוּקְן אִין דֶער בִּיכְל פוּן רֶבִּי'נְס לִיכְט און ב"ה מֶען הָאט דָאס גֶעדְרוּקְט אִין דִי בִּיכֶעלֶע.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען**

**די גורל פון "גאר מיין זאך איז תפלה" איז נתנדב געווארן דורך א חשוב'ן נדבן, פאר די קינדער וועלכע זענען געווען אין שול שבת אינדערפרי פאר הודו, אין א ברסלב'ע שול.**

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

**דער געווינער פון פרשת בשלח**

**הילד החשוב יואל נחום אייזנצווייג, קאנאדע**

**מען קען אפנעמען די מתנה ביים ר' אברהם שלמה פאדווא**

# דֶּרֶךְ אֶרֶץ ...

**דֶּרֶךְ אֶרֶץ** אִיז פְּשַׁט – מֶענְטְשְׁלִיכְקַייט, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַז מֶען פִירְט זִיךְ. דִי גַאנְצֶע פִירוּנְג פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מִידָּה פוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ, עֶס נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, עֶסְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, זִיצְן, גֵייִן אוּן שְׁטֵייִן בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ א.אוו. כָאטְשׁ אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי וֶועלְט עֶסְן אוּן רֶעדְן, דָאךְ אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אֵיינֶער וָואס עֶסְט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה הֵייסְט אוּנְז, צוּ אֵיינֶער וָואס עֶסְט שְׁנֶעל אוּן כַאפְּט הֵייסֶע לָאקְשְׁן... זֶעעְן מִיר פוּן דֶעם אַז דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז נִישְׁט נָאךְ אַ גוּטֶע מִידָּה אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן נָאר דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ!

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז "דֶּרֶךְ אֶרֶץ" גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ-אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו" (סֵפֶר הַמִּידּוֹת בָּנִים) מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ קִינְד נָאךְ פוּן קְלֵיינְוֵוייז אָן, דִי זַאךְ דַארְף מֶען רִיכְטִיג אָפְּלֶערְנֶען וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם שֵׁיינֶע הַנְהָגוֹת אוּן מִנְהָגִים, נָאר יֶעדֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ עֶקְסְטֶערֶע הֵיילִיגֶע וֶועג אוּן אַ ווִיכְטִיגֶע עֵצָה אִין עֲבוֹדַת ה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן קפ"ה: וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: כָּל הַנְהָגָה וְהַנְהָגָה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא סְגֻלָּה, וְתִקּוּן וּמוֹעִיל עַל מַה שֶּׁעָבַר, וְעַל הֶעָתִיד, וּלְאַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת שֶׁל הָאָדָם, וְלִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, וְלִתְחִיַּת הַמֵּתִים, וְלֶעָתִיד לָבוֹא: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "יֶעדֶע פִירוּנְג וָואס אִיךְ הֵייס טוּהְן אִיז מְסוּגָל צוּ הֶעלְפְן פַארְן מֶענְטְשׁ אוּן אַ תִּיקוּן פַאר זַיין נְשָׁמָה, עֶס גֵייט אִים הֶעלְפְן אוֹיךְ אוֹיף וָואס אִיז שׁוֹין פַארְגַאנְגֶען אוּן אוֹיךְ אוֹיף וָואס עֶס גֵייט נָאךְ זַיין, עֶס וֶועט אִים הֶעלְפְן אוֹיךְ נָאךְ זַיין פְּטִירָה פוּן דִי וֶועלְט, אוּן אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, אוּן בַּיי תְּחִיַּת הַמֵּתִים, אוּן לֶעָתִיד לָבוֹא...", אַזֶעלְכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע לְשׁוֹנוֹת, וָואס גִיבְּט אוּנְז אַ קְלֵיין בְּלִיק אִין דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן כֹּחַ פוּן רֶבִּי'ן 'אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ', וֶועגְן דֶעם אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ רִיכְטִיג פַארְשְׁטֵיין וָואס בַּאדֵייט "דֶּרֶךְ אֶרֶץ" וָואס דֶער רֶבִּי קוּמְט אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען מִיר זָאלְן זִיךְ צוּ דֶעם צוּגֶעוואוֹינֶען נָאךְ אַלְס קִינְד.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז אוֹיךְ בַּיי דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם אִיז דָא הַנְהָגוֹת פוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ, יֶעדֶע פָאלְק הָאט זִיךְ אִירֶע סָארְט פִירוּנְגֶען וָואס דָאס אִיז מֶענְטְשְׁלִיךְ בַּיי זֵיי, אַזוֹי וִוי עֶסְן מִיט אַ לֶעפְל אוּן גָאפְּל, אוֹיפְשְׁטֵיין פַאר אַ חָשׁוּב'ן מֶענְטְשׁ א.ד.ג. דִי דַייטְשְׁן ימ"ש לְמָשָׁל זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאווּאוּסְט מִיט זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע נִימוּסִים, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן הִתְפַּעֲלוּת וִוי שֵׁיין זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן זֵיי שֵׁיין אוּן בַּאדַאנְקֶען שְׁפֶּעטֶער מַמָּשׁ צוּם בַּאווּאוּנְדֶערְן, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶעהְן זֵייעֶר מִיסֶע פַאלְשְׁקֵייט, וֶוען זֵיי הָאבְּן מִיט אַ זִיסְן שְׁמֵייכְל אוּן אַ בִּיטֶע

# דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז גוּטֶע מִדּוֹת...

שֵׁיין... דַאנְקֶע שֵׁיין... גֶעשִׁיקְט מִילִיאָנֶען אִידְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלַן ... ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג? זֵייעֶרֶע נִימוּסִים הָאט זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט? לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי ז"ל אוֹיס מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע ווֶערְטֶער פוּן דֶעם "שִׁיר נְעִים" דִי לִיד ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אָנְהוֹיב לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן: "נִימוּסֵי הַדָּתוֹת כֻּלָּם לֹא יִשְׁווּ לְדָתֵנוּ חַכְמֵיהֶם בָּדוּ מִלִּבָּם נִימוּסִים בְּשִׂכְלָם הָאֱנוֹשִׁי"... דִי אַלֶע שֵׁיינֶע ווֶעגְן ווָאס אִיז אַיינְגֶעפִירְט אִין דִי ווֶעלְט קוּמְט נִישְׁט צוּ צוּ אוּנְזֶער גְלוֹיבְּן, זֵייעֶרֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעטְרַאכְט פִירוּנְגֶען מִיט זֵייעֶר מֶענְטְשְׁלִיכֶער פַארְשְׁטַאנְד... דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ ווִי דִי ווֶעלְט פִירְט זִיךְ, דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער! דָאס אִיז פַּאסִיג פַאר דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, מִיר אִידְן פִירְן זִיךְ דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן מֶענְטְשְׁלִיךְ נָאר מִגְּזֵרַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, ווַייל אַזוֹי הָאט דִי תּוֹרָה גֶעהֵייסְן, מִיר הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע גֶעטְלִיכֶע אוּן לִיכְטִיגֶע ווֶעג, ווָאס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט לוֹיטֶער פוּן הִימְל, דָאס אִיז אוּנְזֶערֶע נִימוּסִים, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס ווָאס אִיז אֱמֶתְ'ע מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט!

אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן קטז בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרָאפּ אַ פָּסוּק פוּן תְּהִלִּים "דֶּרֶךְ מִצְוֹתֶךָ אָרוּץ" (קאפיטל קי"ט) דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת אוּן הַנְהָגוֹת פוּן דִי תּוֹרָה ווָאס זֶעהְט אוֹיס גְלַייךְ אוּן פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ ווָאס דָאס ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן "דֶּרֶךְ" טוּ אִיךְ נִישְׁט ווַייל מַיין שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט אַזוֹי, אָדֶער ווַייל אַזוֹי אִיז אַיינְגֶעפִירְט זִיךְ צוּ פִירְן, נָאר אִיךְ מַאךְ עֶס נָאר ווֶעגְן דוּ ה' יִתְבָּרַךְ הָאסְט אַזוֹי בַּאפוֹילְן אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ווַייל "מִצְוֹתֶיךָ אָרוּץ" אִיךְ ווִיל לוֹיפְן מְקַיֵּים זַיין דַיין בַּאפֶעל, נָאכְמֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי ז"ל אַז "דֶּרֶךְ מִצְוֹתֶךָ אָרוּץ" - אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת "אָדָם" אַ מֶענְטְשׁ! ווַייל נָאר דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ אֱמֶתְ'ע מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט, אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט אַ אֱמֶתֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן נֶפֶשׁ פוּן דֶער מֶענְטְשׁ, עֶס אֵיידְלְט אוֹיס, סְ'אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע פְּעֻלָּה ווָאס אִיז נָאר שֵׁיין,

נָאךְ ווֶען מִיר הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען רִיכְטִיג ווָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ מֵיינְט, קֶענֶען מִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דֶעם יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין דַּרְגָּא, ווַייל "דֶּרֶךְ-אֶרֶץ צָרִיךְ חִזּוּק" (סֵפֶר המידות מָמוֹן א') אִין דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, ווִי אַזוֹי? פָּשׁוּט עֶפֶענֶען אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן לֶערְנֶען הֲלָכוֹת "דֶּרֶךְ אֶרֶץ" מִיט תְּמִימוּת, ווָאס זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן? אִין דִי ווֶעלְט אִיז צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ זָאגְן פַאר אַ צְוֶוייטְן שְׁטֵיי ווִי אַ מֶענְטְשׁ... עֶס ווִי אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ'... לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיס זִיךְ צוּ פְרֶעגְן פַאר זִיךְ אַלֵיין פַארְווָאס?! פַארְווָאס זָאל אִיךְ עֶסְן ווִי אַ מֶענְטְשׁ? ווַייל

המשך אויף לעצטע זייט

# די צוועלעוועטע מַעֲשֶׂה וואס דער הייליגער רֶבִּי האט דערציילט

## דער בַּעַל תְּפִלָּה 6




**אַ טייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז נִיט דער כָּבוֹד אִיז דער עִיקַר תַּכְלִית. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. אַז דער עִיקָר תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה. וָוארִין מִיר זֶעהְן אַז אַלֶע זַאכִין וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אוֹיף דער וֶועלְט. מוּזִין אַלֶע פַארְלֶערְנְט ווערִין.

**אוּן וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין** אִין דער וֶועלְט. גְרָאז אוּן אַלֶע פְרוּכְטִין אוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַלְץ וָואס אִין דער וֶועלְט. מוּז אַלְץ צוּם סוֹף נִישְׁט וֶוערִין.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דער תַּכְלִית** פוּן אַלֶע זַכִין אַז סֶע זָאל נִכְלָה וֶוערִין. (דְהַיְינוּ פַארְלֶערְנְט וֶוערִין) אִיבֶּער דעם אַ רוֹצֵחַ. וָואס עֶר הַרְגִיט אוּן פַארְלֶערְנְט מֶענְטְשְׁן. בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ דִי וֶועלְט צוּם תַּכְלִית אִיבֶּער דעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָפְּגִיקְלֶערְט. אַז דער תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה.

**הָאבִּין זֵיי גִיזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן** וָואס עֶר זָאל זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ כַּעְסָן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל קִנְאָה. וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאם תַּכְלִית (וֶועדְלִיג זֵייעֶר פַארְפִירְטֶע דֵיעָה) אוּן דער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט אַ גִישְׁרֵיי. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גִישְׁרֵיי. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. דָאס גִישְׁרֵיי אִיז. וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילִיט.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין.** ווִי גִיפִינְט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי אַ רוֹצֵחַ וָואס עֶר זָאל אַזוֹי אַ שְׁטַארְק הַארְץ הָאבִּין אוּן זָאל זַיין אַזוֹי אַ כַּעְסָן. אַז עֶר זָאל הַרְגֶענֶען פָאטֶער אוּן מוּטֶער. אָט דער מֶענְטְשׁ הָאט דֶערְלַאנְגְט דעם תַּכְלִית (דְהַיְינוּ דער וָואס הָאט פָאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילֶעט) אוּן עֶר אִיז זֵיי וואוֹיל גִיפֶעלְין.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען** פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַמְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ רְצִיחָה. (דְהַיְינוּ זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין) הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט צְווִישְׁן בֶּערְג. וָואס דָארְטִין הַאלְטִין זִיךְ רוֹצְחִים. אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר מֶלֶךְ.

**אַ טייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז סֶע קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. דער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין אוּן עֶר עֶסְט נִיט דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן נָאר אֵייְדְלֶע זַאכִין. אוּן אַזוֹי אַ מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ נָאר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶף נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטָשְׁן. וָואס עֶר זָאל נִיט עֶסִין דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייל** אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין עוֹשֶׁר וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין (אוּן זַיין עֶסִין אִיז אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער) בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן ווִי זֵיי ווִילִין. וָואס עֶר זָאל נִיט עֶסִין וְכוּ' כַּנַּ"ל,

**אוּן דֶערְוַוייל** הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט דעם עוֹשֶׁר פַאר אַ מֶלֶךְ. בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְשׁ ווִי זֵיי ווִילִין כַּנַּ"ל דֶעמוּלְט וֶועט דער עוֹשֶׁר אַרָאפּ פוּן דער מְלוּכָה. אוּן מֶע וֶועט יֶענֶעם אוֹיף נֶעמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

**און זַיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסגִיקְלִיבְּן** אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. און זַיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען און הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט** אַז אַ יְפַת תּוֹאַר קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן. וָוארִין פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז זִיךְ דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין.

**און ווייל אַ יְפַת תּוֹאַר** בְּרֶענְגְט צוּ דֶער תַּאֲוָה. וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער דֶער יִישׁוּב פוּן דֶער וֶועלְט. (וָוארִין סֶע וֶוערְן מֶער מֶענְטְשְׁן) נִמְצָא בְּרֶענְגְט זִי זִיךְ צוּם תַּכְלִית. אִיבֶּער דֶעם קֶער אַ יְפַת תּוֹאַר צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ.

**הָאבִּין זַיי זִיךְ אוֹיסגִיקְלִיבְּן** אַ יְפַת תּוֹאַר און זִי אִיז אִיבֶּער זַיי גִיוָוארִין מֶלֶךְ. און זַיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין.

**און זַיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען** און הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט. אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דֶער דִיבּוּר. וָוארִין דֶער חִילוּק פוּן אַ מֶענְטְשׁ בִּיז אַ בְּהֵמָה. אִיז זִיךְ נָאר דֶער דִיבּוּר. און אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס דֶער עִיקָר תַּכְלִית (דְהַיְינוּ דֶער דִיבּוּר)

**הָאבִּין זַיי זִיךְ גִיזוּכְט אַ דַבְּרָן** (דְהַיְינוּ אַ רֵיידִיר) וָואס עֶר זָאל זַיין אַ בַּעַל לָשׁוֹן. וָואס עֶר זָאל קֶענֶען כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. און עֶר זָאל אַסַאךְ רֵיידִין תָּמִיד. וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית.

**זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען.** און הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ מְשׁוּגָעִנים פְּרַאנְצוֹיז וָואס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען און הָאט צוּ זִיךְ אַלֵיין גִירֶעט. הָאבִּין זַיי אִים גְפְרֶעגְט. צוּ עֶר קֶען לְשׁוֹנוֹת.

**הָאט עֶר גְוואוּסְט** כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת און אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין בְּוַודַאי דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. (נָאךְ זַייעֶר נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵעָה נָאךְ) וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ בַּעַל לָשׁוֹן און עֶר וַוייסְט כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. און עֶר רֶעט זַייעֶר אַסַאךְ. וָוארִין עֶר רֶעט זִיךְ אַפִילוּ צוּ זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּער דֶעם. אִיז עֶר זַיי וואוּיל גִיפֶעלִין. און זַיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

**און זַיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסגִיקְלִיבִּין** אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. און זַיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען און הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זַייעֶר מֶלֶךְ. און עֶר הָאט זַיי בְּוַודַאי גִיפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז שִׂמְחָה. וָוארִין אַז אַ קִינְד וֶועט גִיבּוֹירִין. אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ אַז סֶע אִיז אַ חַתוּנָה אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ. אַז מֶען נֶעמְט אָפּ אַ מְדִינָה. אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר תַּכְלִית** פוּן אַלִימֶען נָאר שִׂמְחָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זַיי גִיזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר זָאל תָּמִיד פְרֵיילִיךְ זַיין. וָוארִין דֶער אִיז זִיךְ בַּאם תַּכְלִית. און דֶער קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ אוֹיף זַיי.

**זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען** זוּכִין הָאבִּין זַיי גִיזֶעהְן סֶע גִיגַאנְגֶען אַ גוֹי אִין אֵיין מִיאוּס הֶעמְד און הָאט גִיטְרָאגִין אַ פְלֶעשִׁיל בְּרַאנְטְוַויין. און סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען כַּמָּה גוֹיִים. און דֶער גוֹי אִיז זַייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. וָוארִין עֶר אִיז זַייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוֶוען.

**הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן** אַז דֶער גוֹי אִיז זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם דַאֲגָה נִיט. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר ווֹאוִיל גִיפֶעלִין דֶער גוֹי. וָואִרִין עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית. וָואִרִין דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ נָאר שִׂמְחָה.

**הָאבִּין זֵיי דֶעם גוֹי אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ** אִיבֶּער זֵיי. אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַּאי גִיפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. דְהַיינוּ דָארְט ווִי וַויין גֶערְטְנֶער זֶענֶען אַז מֶען זָאל מַאכִין וַויין אוּן פוּן דִי קֶערִינְדְלִיךְ פוּן דִי וַויין טְרוֹיבִּין. זָאל מֶען מַאכִין בְּרַאנְטְוַויין. אוּן סֶע זָאל גָאר נִיט גֵיין לְאִבּוּד קֵיין שׁוּם זַאךְ פוּן דִי וַויין טְרוֹיבִּין.

**וָואִרִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר תַּכְלִית** גִיוֶועןְ אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען אוּן מֶע זָאל שִׁיכֶּרִין אוּן מֶע זָאל תָּמִיד פְּרֵיילִיךְ זַיין. חָאטְשֶׁע מֶע וֵוייסְט גָאר נִיט מִיט וָואס. וָואִרִין זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט מִיט עֶפֶּעס פְּרֵיילִיךְ צוּ זַיין. אִיז אָבֶּער פָּארְט בַּיי זֵיי דָאס דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַז מֶע זָאל תָּמִיד פְּרֵיילִיךְ זַיין.

**אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה** וָואס סֶע קֶער דֶערְצוּ כַּנַּ"ל. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה.** הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיזוּכְט אַ גְרוֹיסִין חָכָם. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַּאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי קֶער צוּ חָכְמָה. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין אִין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. מֶע זָאל גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזוּכְט אַ בַּעַל אֵבָרִים. דְהַיינוּ אַזוֹינֶער וָואס עֶר הָאט גְרוֹיסֶע אֵבָרִים. אוּן עֶר פִּילֶעוִויט זִיךְ צוּ גְרֵייסִין זַיינֶע אֵבָרִים. (דְהַיינוּ דִי גְלִידֶער פוּן דֶעם גוּף).

**וָואִרִין וַוייל עֶר הָאט גְרוֹיסֶע אֵבָרִים** הָאט עֶר זִיךְ מֶער חֵלֶק אִין דֶער וֶועלְט. וָואִרִין עֶר פַּארְנֶעמְט מֶער אָרְט אִין דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער מֶענְשׁ אִיז נֶעהְנְטֶער צוּם תַּכְלִית. וָואִרִין דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז מֶע זָאל גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים. אִיבֶּער דֶעם. אַזוֹי אַ מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ לַאנְגִין וֵויינְגֶער. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלִין וָואִרִין עֶר אִיז זִיךְ אַ בַּעַל אֵיבָרִים. אוּן עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אוּן סֶע גִיוֶוען אֵיין אַנְדֶערֶע כִּתָּה.** וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דִי אַלֶע זַאכִין זֶענֶען אַלֶע גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. נָאר דֶער רֶעכְטֶער תַּכְלִית אִיז. אַז מֶע זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מֶען זָאל זַיין אֵיין עָנָיו אוּן אַ שְׁפַל בֶּרֶךְ. (כְּלוֹמֶר מֶע זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִיט הַאלְטִין וְכוּ'. **אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ בַּעַל תְּפִלָּה** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַּאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי (דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין אַז דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל הָאבִּין זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גִיוֶוען אוּן זֶענֶען אַלֶע פַארְפִירְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה אִין אִיר נַארִישְׁקֵייט דָארְךְ זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת אוּן נַארִישְׁע גִידְרַאנְגֶען. נָאר דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע כִּיתָּה דִי הָאבִּין צוּ גִיטְרָאפִין דֶעם רֶעכְטִין אֱמֶת. אַז וואוִיל אִיז זֵיי). דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

# "גאר מיין זאך איז תפלה"

## טייערע ברסלב'ער אינגל, פארוואס זאלסטו נישט קענען
## די מעשה פון דער בעל תפלה?
## דיין דאווענען, דיין שמחה, דיין באנעמונג וועט אויסקוקן אינגאנצן
## אנדערש, דו וועסט שפירן א טעם אין לעבן, אין תורה און אין תפלה

כאפ צוזיך מיט!!

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעווטע מעשה (6) - מבעל תפילה

**א. פארוואס האט די צווייטע כתה געזאגט אז דער תכלית איז רציחה?**

- ❑ ווייל ווער ס'הרג'ט אסאך מענטשן האט אסאך כבוד
- ❑ ווייל אלעס אין דער וועלט ווערט פארלענט און א רוצח פארלענט מענטשן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וועם האבן זיי גענומען פאר א מלך?**

- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט אסאך מענטשן
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיינע קינדער
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיין טאטע און מאמע

**ג. וועם האבן גענומען פאר א מלך די כתה וואס האבן געהאלטן אז א מלך דארף זיין איינער וואס עסט נאר איידעלע עסן?**

- ❑ זיי האבן געטראפן איינעם וואס עסט נאר איידעלע עסן
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן האבן זיי דערווייל גענומען א עושר אלס מלך
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן א מלך

**ד. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית צו באזעסן די וועלט?**

- ❑ איינער וואס האט געהאט אסאך קינדער
- ❑ איינער וואס האט געהאט אסאך ווייבער
- ❑ א יפת תואר

**ה. פארוואס האט די פינעפטע כתה זאגט אז די תכלית איז דער דיבור?**

- ❑ ווייל ווער ס'רעדט גוט האט מען אים ליב
- ❑ ווייל די חילוק פון א מענטש און א בהמה איז דער דיבור
- ❑ וויל דער דיבור איז זייער טייער ביי השי"ת

**ו. וועם האבן זיי גענומען פאר א קעניג?**

- ❑ איינער וואס קען הויך רעדן
- ❑ איינער וואס קען הויך שרייען מיט א שטיל קול
- ❑ א משוגענעם פראנצויז וואס רעדט צו זיך

**ז. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית שמחה?**

- ❑ א גוי א שיכור
- ❑ א מענטש וואס פלעגט משמח זיין אלמנות און יתומים
- ❑ א מענטש וואס פלעגט לאכן א גאנצן טאג

**ח. שאלת זכות: האט דער הייליגער רבי געוואלט אונז מאכן שיכור'ן צו ווערן פרייליך** (עין בכוכבי אור, שמחה וששון אות א', ובהגהה שם)**?**

- ❑ נאר שבת און יו"ט
- ❑ נאר שמחת תורה
- ❑ נאר פורים

**ט. אין וועלכע מדינה זענען געגאנגען וואוינען די כת פון שמחה?**

- ❑ אינדרויסן פון ישוב
- ❑ ווי עס וואקסן אסאך וויין טרויבן
- ❑ ווי מען פארקויפט ווייו פאר ביליג

**י. מיט וואס האבן זיי זיך געפריידט?**

- ❑ אז זיי האבן געטראפן א פאסיגן קעניג
- ❑ מיט אמונה און נקודות טובות
- ❑ זיי האבן גאר נישט מיט וואס זיך צו פרייען

**יא. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית חכמה?**

- ❑ א זוהן פון א חכם
- ❑ א תלמיד חכם
- ❑ א גרויסן חכם

**יב. פארוואס האט די אכטע כתה געהאלטן אז דער תכלית איז גרויסן די איברים?**

- ❑ ווייל ער האט מער חלק אין דער וועלט
- ❑ ווייל ער האט מער כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט געזאגט די נייעטע כתה אז דער תכלית איז?**

- ❑ נאר צו עוסק זיין אין תפלה צו השי"ת
- ❑ צו זיין א עניו און שפל ברך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וועם האבן זיי קודם געטראפן פאר א קעניג?**

- ❑ זיי האבן נישט געטראפן
- ❑ אונזער בעל תפלה
- ❑ עפעס א בעל תפלה

**טו. וועלכע פון די אלע כתות האבן געטראפן די אמת?**

- ❑ אלע כתות האבן זיך טועה געווען
- ❑ נאר די כתות פון שמחה און תפילה
- ❑ נאר די כתה פון תפילה

**טז. שאלת זכות: ביי וועלכע כתה איז דער רבי בייער מקצר?**

- ❑ רציחה
- ❑ שמחה
- ❑ חכמה

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

אלע קינדער וואס האבן געוואונען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11

# דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז גוּטֶע מִדּוֹת...

המשך פון זייט 7

אַזוֹי אִיז שֵׁיין? וַוייל סְ׳פַּאסְט נִישְׁט? נֵיין! דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, מִיר אִידְן עֶסְן בַּדֶּרֶךְ אֶרֶץ וַוייל אַזוֹי שְׁטֵייט אִין קִצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת סְעוּדָה...

דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ עֶפֶּענֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס זִיךְ צוּ פִירְן, דִי בְּגָדִים זָאל זַיין גַאנְץ אוּן רֵיין, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּכַאפְּן צוּם עֶסְן, נָאר עֶסְן גֶעמִיטְלֶעך מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַסַאךְ מָאל גֶעוואוֹינְט מֶען זִיךְ צוּ בְּטָעוּת זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ נָאר אַנְטְקֶעגְן מֶענְטְשְׁן, לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי זַ״ל: ״כְּדֶרֶךְ שֶׁאוֹכְלִין בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּשֶׁיּוֹשֵׁב אָדָם חָשׁוּב עַל הַשֻּׁלְחָן, כָּךְ יֹאכַל תָּמִיד אֲפִלּוּ כְּשֶׁאוֹכֵל לְבַדּוֹ״ (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן תקטו) אַזוֹי וִוי דִי וֶועג אִיז צוּ עֶסְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶס זִיצְט אַ חָשׁוּבֶ׳ער מֶענְטְשׁ בַּיים טִישׁ, אַזוֹי זָאל אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן אוֹיךְ וֶוען עֶר אִיז אַלֵיין, דֶער רֶבִּי זַ״ל גִיבְּט אוּנְז אַ נַייעֶ שֵׂכֶל, עֶר וַוייזְט אוּנְז אַז דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז נִישְׁט נָאךְ עֶפֶּעס וָואס אִיךְ דַארְף טוּהְן, נָאר סְאִיז אַ חֵלֶק פוּן מַיין אִידִישְׁקַייט, דִי תּוֹרָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים גֶעבְּן אוּנְז אַ נַייעֶ רֵיינֶע לִיכְטִיגֶע בְּלִיק וָואס מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ! אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן: ״יִשְׂרָאֵל קְרוּיִים אָדָם וְאֵין הָעַכּוּ״ם קְרוּיִים אָדָם״ (יְבָמוֹת סא) דִי אִידְן וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, וַוייל נָאר אַ אִיד וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוֹיס קֶען זִיךְ פִירְן בֶּאֱמֶת מֶענְטְשְׁלִיךְ אוּן נָאר עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״מֶענְטְשׁ״.


## וַזַכֵּנוּ לִקְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר...

מען הייבט אן בעז״ה אין די טעג הלכות פון פורים.

מרתמידים
והודעתם לבניך
אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון

הלכה
ספרי רבנו
מעשיות
גורלות
און נאך



א גוטע געלעגנהייט זיך מיטצוכאפן
אין מתמידים והודעתם לבניך

אמעריקע
646-585-2977
518-329-9216
ענגלאנד 020-376-97807
ארץ ישראל 0733-517202